גוט שבת אלע אידן. אין די וואכעדיגע סדרה איז פארהאנען די יסודות פון אידישקייט, ד״ה די עשרת הדברות און די פרשה פון ״שמע ישראל וגו׳״. זאגט דער הייליגער רמב״ם זי״ע: ״יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון... מצוי הזה הוא אלקי העולם אדון כל הארץ, והוא המנהיג הגלגל בכח שאין לו קץ ותכלית.״ (הלכות יסודי התורה פרק א:א,ה) ד״ה, די יסוד פון אידישקייט איז צו וויסן אז אלעס קומט פונעם אויבערשטען. די פאלגענדע מורא׳דיגע מעשה ווייזט אויף א וואונדערליכען אופן השי״ת׳ס פונקטליכע השגחה פרטית אויף יעדען איד.

די מעשה איז געשען מיט עטליכע 30 יאר צוריק מיט א ספרדישער איד מר. אלבערט אזאר (זיין עכטע נאמען), פון ניו דזשערסי וואס האט פארקויפט סחורה. א גרויסע טייל פון זיין ארבעט איז באשטאנען פון ארומפארן אין אלע סטעיטס פון אמעריקא כדי צו פארקויפן זיינע סחורה. ער האט מקיים געווען דעם פסוק: ״בזעת אפיך תאכל לחם...״ ווייל ער האט זיך ליידער אסאך געמוטשעט אויף פרנסה.

מר. אזאר איז א פרומער איד. דורך די יארן האט ער אייביג פרובירט צו פלאנען זיין רייזע כדי ער זאל קענען דאווענען מיט א מנין און האבן געהעריגע כשר׳ע עסן וכו׳. איינע פון די שווערסטע מצוות צו מקיים זיין ארומפארענדיג אויפ׳ן וועג איז טאקע געווען טרעפן כשר׳ע עסן, בפרט עסן פאר שבת. געוועונטלעך האט מר. אזאר זיך געפינען שבת קודש אין שטעט וואס האבן נישט געהאט קיין געהעריגע אידישע קהילה, דעמאלט האט ער געדארפט קויפן דארט עסן אדער מיטברענגען פון דער היים אלע עסן, למשל וויין און חלות, וכו׳, לכבוד שבת קודש.

איינמאל, האט מר. אזאר אנגעהויבן א רייזע קיין אלעבאמא, א סטעיט אין דעם דרום זייט פון אמעריקע. מר. אזאר האט געפלאנט צו ארומפארן דעם גאנצן געגענט דורך דעם וואך, און שבת האט ער געוואלט זיין אין מעמפיס, טענעסי, וואו עס איז דא א אידישע קהילה. אין אלעבאמא, איז מר. אזאר געגאנגען צו א געוויסע קאמפאני צו פארשטעלן סחורה פאר זיי. די קאמפאני איז געווען א ריזיגע קאמפאני, און מר. אזאר האט שטארק געוואלט פארקויפן אסאך סחורה פאר זיי. וועגן דעם האט מר. אזאר זיך געפרייט ווען ער האט באקומען א טעלעפאן קאל פון דעם קאמפאני, אז ער איז גרייט זיך צו טרעפן מיט מר. אזאר צו רעדן וועגן קויפן סחורה.

דאנערשטאג נאכמיטאג איז מר. אזאר געפארן צו דעם אפיס פון דער קאמפאני. ליידער האט מר. אזאר געדארפט זיצן און ווארטן אפאר שעה, און דער פרעזידענט האט אים נישט אויפגענומען. זיי האבן געזאגט פאר מר. אזאר אז ער זאל צוריק קומען דעם נעקסטען טאג ערב שבת ניין אזייגער אינדערפרי. מר. אזאר האט זיך מיישב געווען אז ער וועט שנעל ענדיגען מיט דעם געשעפט מיט דעם פרעזידענט און נאכדעם כאפ׳ן א פליגער קיין מעמפיס כדי אנצוקומען פאר שבת קודש.

מר. אזאר איז טאקע געקומען דעם נעקסטען טאג צו דעם אפיס, און זיי האבן אים געלאזט ווארטן שעות ארוכות! ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן שבת. ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער וועט קענען כאפן א פליגער קיין מעמפיס, אפילו עס איז געווארן גאר שפעט. אבער, ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון וועגן עסן פאר שבת קודש, ווייל ער האט געהאפט צו קויפן עסן אין מעמפיס בעפאר שבת. אבער, עס האט אויסגעזען אז ער וועט אנקומען נאכדעם ווי מען שפארט צו דעם כשר׳ען עסן געשעפט. וואס וועט ער טון? האט ער געטראכט בשעת ער איז געזיצן ווארטענדיק אויף דעם פרעזידענט פון דער קאמפאני. ער האט מתפלל געווען צו דער אויבערשטער זאל אים העלפן.

עס איז געווארן גאר שפעט, און מר. אזאר האט מער נישט געקענט ווארטן, ווייל באלד וועט ער שוין נישט קענען פארן קיין מעמפיס אויף שבת. ער האט זיך אנגענומען אן עזות, און ער איז געגאנגען גלייך אריין אין דעם אפיס פון דעם פרעזידענט. דער פרעזידענט איז געווארן איבערראשט. ״איך פאר שוין אוועק, אויב איר ווילט עפעס באשטעלן, איר זאלט עס שוין טון!״ האט מר. אזאר געזאגט. דער פרעזידענט האט נאר באשטעלט אביסל סחורה. מר. אזאר האט נישט געהאט צייט צו פרעגן דעם פרעזידענט פארוואס ער האט געדארפט קומען צוויי מאל און ווארטן אזוי לאנג נאר פאר א קליינע באשטעלונג.

מר. אזאר איז ארויסגעלאפן פונעם אפיס אין ער האט געכאפט א טעקסי צו דעם עירפארט. ער האט געכאפט די נעקסטע פליגער קיין מעמפיס און ער איז אנגעקומען צו דעם האטעל א פאר מינוט פאר ליכט צינדען. ער האט געטראכט אז ער וועט נישט האבן קיין שבת׳דיגע עסן אין שבת קודש, ווייל פשוט ער איז אנגעקומען צו שפעט, און ער האט נישט געקענט קויפן עסן אין דעם געשעפט. די גאנצע סיבה פארוואס ער האט געוואלט פארן קיין מעמפיס איז געווען כדי צו קויפן כשר׳ע עסן אויף שבת. יעצט וועט ער דארפן זוכן אן עצה...

דער האטעל וואס מר. אזאר׳ס קאמפאני האט באשטעלט פאר אים איז געווען א ביליגע, נישט אזא שיינעם האטעל. מר. אזאר האט נישט געהאט קיין איבריגע מינוט, אבער, ער האט זיך מיישב געווען אז כאטש אפילו ער וועט נישט האבן קיין ריכטיגען עסן אין שבת, האט ער געוואלט זיין אין א בעסערע האטעל. וועגן דעם איז ער שנעל געגאנגען קעגען איבער דעם גאס צו א נייען, מער טייערען האטעל. דער מענטש ביי דעם קאנטער פון דעם שענערער האטעל, האט אים געזאגט אז דער האטעל איז כמעט ליידיג, און ער מעג נעמען וועלכע צימער ער וויל. מר. אזאר האט געזאגט פאר אים אז ער יאגט זיך און ער וועט נעמען וועלכע צימער דער מענטש וויל אים געבן. דער מענטש האט אים געגעבן צימער נאמער 358. מיט נאר אפאר מינוט פאר דער שקיעה איז מר. אזאר ארויפגעלאפן צו צימער נמ׳ 358. ער האט שנעל ארויסגענומען זיינע מוקצה פון טאש און ער האט אנגעצינדן דעם לייכטער וואס ער האט געדארפט און אויסגעלאשן דעם וואס ער האט נישט געדארפט.

אין די לעצטע מינוט פאר שקיעה, האט ער געהאט א שווערע געפיל אין זיין הארץ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן אין שבת קודש. ער האט געעפענט דעם שראנק אין דעם צימער כדי צו אויפהענגען זיינע זאכן. ער האט נישט געגלייבט וואס ער האט דערזען אין דעם שראנק. ער האט געמיינט אז ער חלמ׳ט. ער האט צוגעמאכט דעם שראנק און דאן האט ער איז נאכאמאל געעפענט. ער איז געווארן ערשטוינט ווייל ער האט געטראפן אין דעם שראנק אלע מני שבת׳דיגע עסן, למשל חלות, וויין, ברוינפען, פיש אין קענס, סודה, קוקיס, פלייש און סאלאדס אין דזשארס, וכו׳. (אפילו אלעס איז נישט געווען 100% פריש האט ער כאטש געהאט וואס צו עסן אין שבת קודש.)

בערך דריי חדשים שפעטער איז ער געוואר געווארן וועגן דעם עסן. צוויי פון זיינע חברים פון ניו דזשערסי, וואס זענען אויך סוחרים, האבן געפלאנט צו זיין שבת אין יענעם האטעל. אבער, איינע פון די חברים האט נישט גוט געפילט און זיי זענען אהיימגעפארן, פארגעסענדיג דעם עסן אין דעם האטעל. (איבערגעזעצט פון ״חזיות של גדלות״ ר׳ יוסף ווייס, עמ׳ 36)

מען זעט פון דא די אפענע השגחה פרטית מיט וואס דער אויבערשטער פירט דעם וועלט. גלייבן אין השגחה פרטית איז דער עיקר פון אונזערע גלויבינגען. לאמיר זיך נתחזק ווערן אין אונזערע אמונה אז אלעס איז צוגעפירט פון הימעל מיט א פונקטליכע חשבון. גוט **שבת אלע אידן**.